NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05304

TSIDELE FIDELE

Victor Spritzer

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צידעלע פידעלע

אייזעלעך ליבעלעך

אוויגדער שפּריצער

צייכענונגען

מישע שווארץ

ארויסגעגעבן
פון [illegible]

Zídele Fídel

Cuentos - Versos

para niños

Printed in Argentine

Copyright by

Víctor Spritzer

Buenos Aires, 1937

Talleres Gráficos

" C u l t u r a "

Sarmiento 2157, Bs. As.

כ'האָב אַ טאָכטער

כ'האָב אַ טאָכטער,
הייסט זי: מאַלקע.
זאָגט מען, אַז זי
איז אַ ליאַלקע.

נישט קיין ליאַלקע,
זאָג איך, ניין.
כ'האָב אַ טאָכטער
און נישט מיין.

1671
21968


ון
1
ביז
4

פון איינס ביז פיר

מאכט א מיידעלע
א שפּאציר
פונעם בעטעלע
ביז דער טיר,
ציילט עס שוין
פון איינס ביז פיר.

איינס, איינס, —
וואָס איז איינס?
א מיידעלע א קליינס,
ציילט שוין איינס.

צוויי, צוויי, —
וואָס איז צוויי?
דאָס מיידעלע האָט
שיכלעך צוויי.

דריי, דריי, —
ווי ציילט מען דריי?
מיידעלע שריי:
איינס, צוויי, דריי!

פיר, פיר, —
וואָס איז פיר?

דאָס טישעלע האָט
פיסלעך פיר.

מאכט א מיידעלע
א שפאציר
פונעם בעטעלע
ביז דער טיר,
ציילט עס שוין
פון איינס ביז פיר.

מאלקעלע די קליינע

מאלקעלע די קליינע,
איז א מיידעלע א שיינס.
זי איז אלט —
באלד...
זי ווייסט נאָך נישט צו זאָגן וויפל זי איז אלט.

נאָר אז די מאמע און דער טאטע
טרינקען מיט איר א מאטע,
דערציילן איר מייסעלעך איינס אויף איינס,
דערציילט אויך מאלקעלע א מייסעלע א שיינס.

א מינוטקעלע טראכט זי און קלערט
וועגן דעם, וואָס זי האָט געזען און געהערט.
א מינוטקעלע געקלערט,
א מייסעלע שוין ווערט.

געווען א מיידעלע,
געהייסן רייזעלע.
געהאט א גאָזעלע.
נישט אָפּגעווישט דאָס נאָזעלע,
געוואָרן איז א בלאָזעלע...

קינדערלעך געלאכט:
פּע—ע—ע!

ציגעלעך געמאכט:
מע—ע—ע!

ציגעלע מיגעלע
געשטעלט באם וויגעלע,
שטיי און שטיי
און ריר דיך נישט,
ביז דאָס נעזעלע
אָפּגעווישט.

נעזעלע ריין,
מיידעלע שיין,
מיט די קינדערלעך
שפּילן גיין.

מיידעלע נעזעלע
שפּילן ארויס,
מייסעלע קייסעלע
איז שוין אויס.

ציג און בער

— שוועסטער קליינע,
קום אהער,
לאָמיר שפּילן
„ציג און בער"!

דו — א ציג
און איך — א בער.
לויפן ביידע
הין־און־הער.

— ברודער גרויסער,
הער נאָר, הער,
זע נאָר ווער
סע איז א בער!

האָסט דיך, ברודער,
נישט געכאפּט:
אז איך — א ציג,
איז דו — א צאפּ.

— אז נישט קיין בער,
זאָל זיין א צאפּ.

אבי א שפיל,
איז לויף און כאפ.

דו צעלויפסט דיך,
איך — נאך מער.
לויפן ביידע
הין־און־הער.

לאנגע אויערן

לאנגע אויערן האָט דאָס אייזל
און פאַר דעם איז עס א נאַר.
עסן פּרוכטן איז געזונט,
גיט די מאַמע מיר א באַר.

גיט אן עפּל, גיט באַנאַנעס
און זי לאָזט מיך נישט צו רו.
— דאָס געזונטסטע — זאָגט זי — איז
ווייסע מילעך פון א שוואַרצער קו.

ליגט מיין שוועסטערל אין וויגל
און אויך זי האָט דאָס געהערט,
גייען ציגן פאַר דער טיר
און זיי שאָקלען מיט די בערד.

— ווער סע עסט נישט — זאָגט די מאַמע —
וואַקסן אים די אויערן דערפאַר.
לאַנגע אויערן האָט דאָס אייזל
און פאַר דעם איז עס א נאַר.

אן אויצערל א גאָלד

איך ווייס נישט וואָס דאָס מיינט.
איך ווייס נישט וואָס דאָס הייסט.
איך וועל א יעדן פרעגן,
פרעגן ווער דאָס ווייסט.

איך האָב געפרעגט די מאמען, האָט זי געלאכט.
איך האָב געפרעגט דעם טאטן, האָט ער געלאכט.

ביידע האָבן געענטפערט — ווי אָפּגעמאכט: —
„אן אויצערל, א גאָלד!"

וואָס האָבן זיי געמיינט ?
וואָס האָבן זיי געוואָלט ?

* * *

איך בין געזעסן
און געגעסן
ברויט מיט פּוטער.

איז צו א הינטל
און געבעטן:
„גיב מיר אויכעט
ברויט מיט פּוטער!"
האָב איך אים דאָס ברויט אוועקגעגעבן,

און אוועק צו דער מאמען, זי זאָל מיר אַן אַנדערס געבן.

האָט די מאמע מיר געגעבן אַ גרויס שטיק:
„גאַ, מיין טעכטערל, און קום נאָך נאָך צוריק".

* * *

ביז איך צוגעקומען צו יענעם אָרט,
גאָר פייגעלעך זענען דאָרט.
סוויסטשען אַזוי שיין און זוכן און דזשיבען גרעזעלעך, בלעטעלעך און שטעקעלעך.
האָב איך צעבראָקלט מיין ברויט אויף ברעקעלעך און זיי געטיילט.
און גיך געלאָפן צו דער מאמען נאָך נאָך.
האָט די מאמע אַ מאַך געטון:
„אַזוי גיך האָסטו אויפגעגעסן?"
האָט דער טאַטע אַ מאַך געטון:
„שוין צוויי שטיקער אויפגעגעסן?"
האָב איך זיי דערציילט,
ווּעמען איך האָב די צוויי שטיקער צעטיילט.
האָבן זיי אויסגערופן:
„אָן אויצערל, אַ גאָלד!"

וואָס האָבן זיי געמיינט?
וואָס האָבן זיי געוואָלט?

די מאמע מיטן פארטעך

דרייט דאָס הינטל מיטן עק,
אנטלויפן פייגל אין דער נעסט, —
און אז דאָס קעצל וואשט זיך,
דאַרפן קומען געסט.

דרייט די הון זיך אויפן הויף,
קלייבן ברעקלעך ברויט, —
דערזעט דער האָן דאָס, אויפן פלויט,
ווערט דער קאם אים רויט.

קומט די מאמע מיטן פארטעך:
— נאט אייך, פרעסערס, פרעסט! —
ווערט אין הויף אן אויפגעלויף
און פייגל זינגען פון דער נעסט.

גאַ־גאַ־גאַ און קו־קע־רו

לויפט דער האָן, פאַרסאַפּעט זיך,
די גאַנדז דרייט אום זיך שטיל און שאַ
און וואַקלט מיטן בייכל צו, —
איין זאַך נאָר פאַרשטיי איך נישט:
פאַרוואָס די גאַנדז מאַכט גאַ־גאַ־גאַ
און דער האָן — קו־קע־רו.

לאַכט מאַמאַ: — די גאַנדז האָט פאַך,
דער האָן האָט האַרטע פליגלען צוויי,
וואָס מאַכן נאָך אַ ווינט דערצו, —
דערפאַר באַ זיי אַ טעווע שוין,
די גאַנדז זאָל מאַכן גאַ־גאַ־גאַ
און דער האָן — קו־קע־רו.

פינגער

אײנס,
צװײ,
דרײ,
פיר,
פינעף —
פינגער.

װער
פון
זײ
איז דער
גראָבער
שפּרינגער ?

דער ערשטער
איז א גיכער.
דער צװײטער —
נישט קײן קריכער.
דער דריטער —
נישט קײן קרומער.
דער פערטער —
נישט קײן שטומער.
דער פיפטער
פון די פינגער,
איז דער
גראָבער שפּרינגער.

* * *

דער זעקסטער
איז דער נעקסטער.
איצטער וויפל
איז געבליבן ?
קומט צו איינער —
ווערט שוין זיבן.
איצטער ווייטער,
נישט געטראַכט,
קומט צו איינער —
ווערט שוין אכט.
גייט עס צו
גוט און פיין,
קומט צו איינער —
ווערט שוין ניין.
און דערנאָכדעם
קען מען זען
אַלע פינגער —
צען.

די פּיפּטע

רויזעלע איז געזעסן און זיך געשפּילט מיט די ליאַלקעס — זיי אָנגעטון און געוואַשן, פאַרקעמט און פאַרפּוצט.

דערנאָך איז זי געבליבן זיצן, פאַרלייגט מיט די הענטלעך, ווי די מאַמע אַמאָל זיצט.

דערנאָך האָט זי אַ דריי געטון מיטן קעפּל און אַרויסגעלאָזט אַ זיפץ:

— אוי, אַזוי זיך אָנגעאַרבעט! אוי, דאָס האַרץ ברעכט מיך שוין פון לאַנג!

אוי, ווער וואָלט מיר עפּעס אין מויל אַריין דערלאַנגט? —

האָט זיך אויפגעשטעלט איין ליאַלקע און אַ זאָג געטון: „איך“.

האָט רויזעלע אַ זיפץ געטון: „גיך!“
האָט די צווייטע ליאַלקע זיך געטון אַ שטעל,
אַז זי וועט עס מאַכן אינדערשנעל.
און די דריטע, וואָס איז געזעסן,
האָט געפרעגט: צי טרינקען, צי עסן.
נאָר זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויף דער פערטער...
און זיי האָבן זיך קיינס נישט גערירט פון די ערטער.

אינדעם האָט רויזעלעס מאַמע געטון אַזאַ שמייכל און אַ ווינק:

— רויזעלע, עפשער וואָלטסטו מיר דערלאַנגט עפּעס א טרונק?

האָט זיך רויזעלע געטון א הייב און איינס און צוויי —

דערלאַנגט דער מאַמען א גוט גלאָז טיי.

האָט די מאַמע איר א גלעט געטון און איר געזאָגט, אַז זי האָט זי זייער ליב, זי איז זייער א ווילע.

האָט רויזעלע זיך אָנגערופן, אַז זי אירע קינדער, האָט אויך זייער ליב, זיי זענען אויך זייער ווילע.

און זי האָט גענומען אירע ליאַלקעס און זיי אויס־געשטעלט פון דער קלענסטער ביז דער גרעסטער.

דערנאָך האָט זי געפרעגט די מאַמען, וועלכע פון די פיר, סע געפעלט איר אַמבעסטן.

האָט די מאַמע געקוקט און געטראַכט.

דערנאָך האָט זי גערעדט און געלאַכט:

אַז פון אַלע פיר, געפעלט איר די... פּיפּטע.

רויזעלע האָט איבערגעציילט די ליאַלקעס און א מאַך געטון:

— ס'איז דאָך נישטאָ נאָר פיר!

האָט די מאַמע אויך איבערגעציילט און צו רויזעלען א לאַך געטון:

— ווי פּלזשע איז צוזאַמען מיט דיר?

האָט רויזעלע זיך צעלאַכט און אַרומגעכאַפּט די מאַמען. זי האָט שוין פאַרשטאַנען וועמען די מאַמע מיינט — די פּיפּטע.

יינגעלע צינגעלע

אלע ווייסן,
אז ער האָט געהייסן,
יינגעלע צינגעלע.
אָבער נישט אלע ווייסן
פארוואָס ער האָט אזוי געהייסן.

דער טאטע איז געווען בא דער ארבעט.
די מאמע איז געגאנגען ברענגען עסן.
אין שטוב איז געבליבן דאָס יינגעלע און די באבע ויינע.
די באבע האָט זיך אין שטוב עפּעס געפּאָרעט.
און ער איז געשטאנען פארטראכט, מיטן צינגל אינדרויסן.

האָט די באבע זיך אָפּגעפּאָרעט,
האָט זי גערופן אים, געטאָרעט:
— ווילסט אביסעלע מילך? א שטיקעלע ברויט?
און ער איז געשטאנען, ווי פריער פארטאמט, מיטן צינגל אינדרויסן.

— דערציילן דיר א מייסעלע? זינגען דיר א לידעלע?

האָט ער א שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. האָט די באבע אָנגעהויבן אזוי־אָ:

איינמאָל, אין א שיינער נאכט,
שטייט א יינגעלע פארטראכט.

שטייט פארטראכט דאָס יינגעלע,
שטעקט ארויס דאָס צינגעלע.

דערזעען קינדער, ווי ער טראכט,
האָבן זיי זיך צוצעלאכט:

„ס'איז נישט שיין, דו יינגעלע,
ארויסצושטעלן צינגעלע!"

האָט דאָס יינגעלע צו דער באבען א לאך געטון און א מאך געטון:
— איך שוין מער נישט האלטן דאָס צינגעלע אינדרויסן.

האָט אויך די באבע א לאך געטון און א מאך געטון:

— א יינגעלע האָט ליפּעלעך,
א יינגעלע האָט ציינדעלעך.

דאַרף א יינגעלע צוהאלטן די ליפּעלעך,
פארשליסן די ציינדעלעך,
סע זאָל נישט ארויס דאָס צינגעלע. —

וועסטו זיין א ווייל יינגעלע,
און מע וועט דיך שוין מער נישט רופֿ:
יינגעלע צינגעלע.

א קו אויף א דאך

סי זיך פארלאָפן
א שרעקלעכע זאך —
א קו איז געפלויגן
איבער א דאך.

א קו איז געפלויגן
מיט ברילן אויף די אויגן
און אויפן קאָפּ א טיכל —
און דערנאָכדעם, צום לעצט,
אויפן קוימען זיך געזעצט
און גענומען לייענען א ביכל.

באָבי האָט א גראָבן קאָפּ

ווען מע האָט באָבין געבראַכט צו לילין, איז ער גלייך צו צון איר. ער האָט נאָר צון איר א שמעק געטון, האָט ער שוין אירע הענטלעך א לעק געטון און ארויפגעלייגט אויף איר א ווארעמע לאפּע.

— האו־האו... מיידעלע,
מירן זיין כאַוויירים, גוטע כאַוויירים!

לילי האָט אים געטון א כאַפּ־ארום, זיך גאָר דערפרייט מיט אים. זי איז איין קינד אין דער גאַנצער גרופּע, ווייט פון אַנדערע גרופּעס, אין דער קאָלאָניע. זי האָט נישט קיין כאַווערטע, איצטער וועט זי שוין האָבן.

די מאַמע האָט א מאַך געטון: — ווארט, לילי, לאָז אים אָפּ, איכל אים פריער אָפּוואַשן.

דער טאַטע האָט א לאַך געטון: — לאָז זי אביסל א שפּיל טון, מע וועט זיי ביידע אָפּוואַשן...

לילי האָט זיך ארויפגעזעצט אויף באָבין רייטן און באָבי האָט גענומען מיט איר יאָגן ארום דער שטוב, ארום־ארום.

לילי האָט גענומען שרייען: — באָבי, בלייב שטיין! בלייב שטיין!

און ער איז אַלץ געלאָפן, ביז לילים טאַטע איז אים פארלאָפן און אים פארהאַלטן.

לילי האָט געוויינט, געשריגן, אַז זי איז מיט אים

ברוגעז, זי וויל זיך שוין מיט אים נישט שפּילן. האָט דער טאַטע אירער גענומען אים פאַרענטפערן, אַז ער איז נישט שולדיק, באָבי. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, צי זי הייסט אים בלייבן שטיין — ער פאַרשטייט נישט קיין יידיש.

האָט לילי אינמיטן געוויין זיך צעלאַכט און די טרערן אין אירע אויגן זענען געבליבן הענגען, ווי די טראָפּן טוי אויף די גרינע גרעזלעך.

* * *

קינדער מיט די שול־בייטלען באַ די זייטן זענען פאַרבייגעריטן אין שול אַריין. צו צוויי אויף איין פערד, אין אַ גאַלאָפּ, געריטן און געזונגען — די קאָלאָניע אויף די פיס געשטעלט.

לילי האָט אויפגעהויבן די אייגעלעך און זיי נאָכגעקוקט וויט־וויט. דערנאָך האָט זי זיך אַנידער־געזעצט אויף אַ שטיין דאָרט און זיך אויך געמאַכט אַ שול. זי — די לערערקע, באָבי — דער שילער.

— קום אהער, באָבי! — האָט זי אַ רוף־אויס געטון.

באָבי איז צוגעגאַן.

זי האָט גענומען אַ שטיינדל, געטון אַ וואָרף און אַ געשריי: — לויף! כאַפּ!

באָבי איז געלאָפן, אַ כאַפּ געטון דאָס שטיינדל און עס געבראַכט צו טראָגן אין מויל.

לילי איז זייער צופרידן געווען. אַ גוטער שילער, באָבי, ער פאַרשטייט שוין אַביסל. זי וועט אים

אויסלערנען, ער זאָל פאַרשטיין יעדעס וואָרט.

— שטיי דאָ לעבן מיר, באַבי! — האָט זי ווידער גענומען מיט אים לערנען.

באַבי איז געשטאַנען לעבן איר.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך געלאָזט גיין און אים מיטגערופן: — קום, באַבי!

באַבי איז איר נאָכגעגאַן.

— בלייב שטיין, באַבי!

שלעכט, ער בלייבט נישט שטיין.

— בלייב שטיין, זאָג איך! — שרייט זי שוין און בייזערט זיך.

סע העלפט נישט, ער בלייבט נישט שטיין. ער גייט איר נאָך.

צעוויינט זיך לילי, אַז ער איז אַ שלעכטער שילער, ער האָט אַ גראָבן קאָפּ. דערהערן דאָס די טאַטע־מאַמע, בלייבן זיי אויך שטיין באַזאָרגט.

— וואָס וועט טאַקע זיין פון אים? — פאַרברעכט די מאַמע מיט די הענט.

— טאַקע שלעכט, אַז ער האָט אַ גראָבן קאָפּ! — גיט דער טאַטע צו.

דערהערט דאָס לילי, צעלאַכט זי זיך, פאַרשעמט זיך און לויפט זיך באַהאַלטן. און באַבי איז זיך אויך געלאָפן באַהאַלטן, גלייך מיט איר.

גריליט א גריל

גריליט א גריל:
— רי־רי־ריל...
ווייסט מען נישט,
וואָס זי וויל.

איינער זאָגט,
אַז זי שרייט,
האָט געווים
א באַטייט.

איינער זאָגט,
אַז זי שרייט,
ווייל סע בייט
זיך די צייט.

איינער זאָגט:
ווייל זי וויל, —

ווייל אזוי
רעדט א גריל.

בלייב איך שטיל,
הער די גריל,
ווי זי רעדט:
— רי־רי־ריל...

מײַן ליאַלקע

זונטיק דאַרף איך גאָרנישט טון,
מאָנטיק — אינדערוואָכן —
לאָזט מײַן ליאַלקע מיך צו רו,
האָב איך צײַט צו קאָכן.

האָב איך צײַט צו אַרבעטן,
צו וואַשן און צו פּרעסן, —
זיצט די ליאַלקע שוין באַם טיש,
דערלאַנג איך איר דאָס עסן.

אָפּגעגעסן, צוגערוימט —
זי ווײַסט זיך ווי צו פירן —
נעם איך זי און פּוץ זי אויס
און גײ מיט איר שפּאַצירן.

דאָס פייגעלע

די מאמע זאָגט:
אין שטוב איז דאָ א שפּילפייגעלע.
דער טאטע זאָגט:
אין שטוב איז דאָ א זינגפייגעלע.
און איך זאָג:
נישט קיין שפּילפייגעלע,
נישט קיין זינגפייגעלע —
איך זע גאָרנישט נישט.

מאכט די מאמע:
זי זעט עס יאָ.
מאכט דער טאטע:
ער זעט עס יאָ.
לויף איך אום
און זוך עס ארום
אין דער גאנצער שטוב
און זע עס נישט.

לאכט די מאמע:
קוק אהין!
לאכט דער טאטע:
קוק אהער!
קוק איך, קוק

אין אלע זייטן,
קוק און קוק —
לאכן זיי נאָך מער.

לאכט דער טאטע,
לאכט די מאמע,
לאך איך מיט
מיט זיי צוזאמען:
כי־כי, כי־כי...
מאכן זיי: מיידעלע,
דו האָסט געהערט?
„פי־פי... פי־פי"...

וואָס געהערט? —
ווער איך ברוגעז —
אזוי... אזוי...
מיך נישט ליב.
לויפט דער טאטע
און ער קויפט
און ער ברענגט
א פייגעלע אין שטוב.

נעמט עס שפּילן,
נעמט עס זינגען,
רופט צונויף

דאָס גאַנצע הויז.
עפן איך די טיר:
קינדער, קומט אריין!
נעמט דאָס פייגעלע
און פליט ארוים.

וויין איך: אוים!
זאָגט די מאמע,
אז דאָס פייגעלע איז נישט ארוים.
זאָגט דער טאטע,
אז דאָס פייגעלע איז דאָ דאָ.
לויף איך אום
און זוך עס ארום:
פייגעלע, רוף דיך אָן, רוף דיך אָן!

זונענשיין

דורך מיין פענצטער קוקט אריין —
פרי, באגינען — זונענשיין.

פון מיין פענצטער אויף מיין בעט —
גיט א שמייכל, גיט א גלעט.

גיט א קוש מיר, ווייטער שפאנט —
גייט א טענצל אויף דער וואנט.

זע איך טאנצן — אך, ווי שיין! —
נעם איך אויכעט טאנצן גיין.

הערט די מאמע דורך די ווענט,
קומט זי, פאטשט זי מיט די הענט.

הערט דער טאטע, לויפט אריין —
פול די שטוב מיט זונענשיין.

ברידער פיר

די זון האָט א שמייכל געטון,
איז פריילעך געוואָרן.
דאָס ווינטל איז מילדער געוואָרן,
איז א געפילדער געוואָרן:

קינדער זענען ארויס אויף דער גאס זיך שפּילן, שוין נישט אזוי ארומגעהילט און אָנגעפּעלצט.

אינמיטן שפּילן האָבן זיי דערזען איינעם אַן אַלטן מיט א פּעקל אויף די פּלייצעס און א שטעקן אינדערהאַנט.

האָבן די קינדער אזוי געקוקט אויף אים. עפּעס זייער א באַקאַנטער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען מיט אים א צייט צוזאַמען.

און ווי זיי קוקן אזוי אויף אים, גיט ער צו זיי א מאַך:

— איך לאָז מיך שוין אין וועג אַריין, איך געזעגן מיך שוין מיט אייך, ווייל איך אייך אויסלערנען א לידעלע.

האָבן די קינדער אין דעם לידעלע זיך איינגעהערט:

ברידער פיר
זענען מיר.

קומען פונדערווייט,
יעדער אין זיין צייט.

איינער איז דער יינגסטער,
דער איינער איז דער פלינקסטער.

דער צווייטער — א צעהיצטער,
אָבער א געשפּיצטער...

דער דריטער איז א פוילער,
אָבער אויך א ווילער.

דער פערטער איז א קאַלטער —
דאָס בין איך דער אַלטער.

לאָז איך מיך אוועק
אין ווייטן־ווייטן וועג.

וועט קומען שוין דער יינגסטער,
דער וואָס איז דער פלינקסטער. —

האָבן די קינדער זיך דערפרייט, וואָס דער

יינגסטער וועט שוין קומען. מיטן יינגסטן איז זייער גוט צו פארברענגען.

און זיי האָבן אויף גיך זיך גענומען געזעגענען מיטן אלטן,

ער זאָל זיך וואָס ווינציקער פארהאלטן,

פארזאמען.

און זיי זענען מיט א פרייד אריינגעלאָפן אין שטוב אריין, דערציילן דאָס דעם טאטן מיט דער מאמען.

מע גייט שפּאַצירן

הינער — צו צוויי,
הינער — צו פֿיר,
זענען אַרויס
אויף אַ שפּאַציר.

מאַכט איינע,
אַז זי דאַרף גיין פֿאָרויס,
ווייל זי איז די עלטסטע
דאָ אין הויז.

מאַכט אַ צווייטע,
אַז פֿאָרויס דאַרף זי גיין,
ווייל יענע איז אַ פֿרעמדע
און זי איז אַ היגע.

מאַכט אַ דריטע:
— אַז נישט איך, איז נישט איר! —
איז שוין געוואָרן
אויס פֿון שפּאַציר.

בא די גרעזעלעך

שטייט א ייִנגעלע אינדרויסן אין א שיינעם פֿאַרנאַכט, פֿאַר זונען־אונטערגאַנג.
שטייט אַזוי און קוקט.
גרינע גרעזעלעך בייגן זיך און שאָקלען זיך.
א שטיפֿעריש ווינטעלע גלעט זיי און קושט זיי, בייגן זיי זיך און סוידען זיך — באַרימען זיך:

— מיט מיר האָט ווינטעלע א שטיף געטון.
— מיר האָט עס א גלעט געטון.
— און מיר א קוש געטון. —

שטייט דאָס ייִנגעלע און הערט זיך איין.
גלוסט זיך אים אויך א ווינטעלע זיין.
מיט גרעזעלעך שטיפֿן, זיי גלעטן און קושן.
בייגט ער זיך איבער די גרעזעלעך, גלעט זיי מיט די הענטעלעך, בייגן זיך די גרעזעלעך און ברעכן זיך:

— ייִנגעלע, באַרעכן דיך!
דו לאָזט דאָך אונדז נישט וואַקסן.
דיינע הענטעלעך צעפּלעטשן אונדז.
דו ביסט דאָך, קינד,
נישט קיין ווינט.
ווינט, ווינטל, ווינטעלע,
גיט א שטיף נאָר און א גלעט,

א קוש נאָר, בלויז א קוש
און דאָס מיילעכל אָפּגעווישט...

טראכט דאָס ייִנגעלע: גערעכט!
נישט לאָזן וואקסן איז נישט רעכט.
נעמט ער אראָפּ פון זיי די הענטעלעך און שטייט
אזוי און קוקט זיך צו און הערט זיך איין.

* * *

א שטיפעריש ווינטעלע רעדלט זיך צווישן די גרעזעלעך. פארנייגן זיך די גרעזעלעך, צעטאנצן זיך און סוידען זיך — בארימען זיך:

— מיט מיר האָט ווינטעלע א שטיף געטון.
— מיך האָט עס ארומגענומען.
— און מיט מיר א טאנץ געטון.
— מיט מיר — פריער.
— פריער מיט מיר!

הערט אזוי דאָס ייִנגעלע, הערט אזוי זיך איין.
פארגלוסט זיך אים אויך א גרעזעלע זיין.
זאָל אויך מיט אים ווינטעלע שטיפן, אים ארומנעמען און טאנצן מיט אים.
לייגט ער זיך אריין אין די גרעזעלעך, זיך אויס־צומישן מיט זיי, ווערן ווי זיי. צעקוועטשן זיי זיך, צעברעכן זיך, צעקרעכצן זיך:

— יינגעלע, בארעכן דיך!
דו לאָזט דאָך אונדז נישט וואקסן.
ס'איז נאָך צו פרי דו זאָלסט דיר מאכן דאָ
דיין בעטעלע. מיר דארפן ערשט אויסוואקסן
גרויס, הויך.
ווען דיר וועט זיין טרוקן און ווייך,
דעמאלט, דעמאָלט... יאָ.
אָבער היינט איז נאָך פייכט און קיל.
ערשט אָנהייב פרילינג.
דו קענסט נאָך כאפן א פארקילונג.
סע קען דיר גוט פארשאטן.
לויף נאָר פרעגן די מאמען צי דעם טאטן!

די זון האָט זיך געזעצט און באגאָסן דעם יינגעלע מיט א רויטלעכן שיין. דאָס האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיך האָבן פארשעמט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אריינגעגאנגען אין שטוב אריין, עסן וועטשערע און זיך לייגן שלאָפן.

די צעקנייטשטע גרעזעלעך האָבן זיך גענומען אויפקנייטשן, אויסגלייכן און אים נאָכגעקוקט ביז אין שטוב אריין.

ביז ער האָט אָפגעגעסן וועטשערע.
ביז ער האָט זיך שלאָפן געלייגט.
די אייגעלעך פארמאכט —
א גוטע נאכט.

היינט אינדערפרי

כא־כא כא־כא כאאאך!
כא־כא כא־כא כאאאך!
קום ארויס נאָר אויף דער גאַס!
גיכער קום אהער!

ווער האָט זיך אזוי צעלאכט?
ווע־ע־ער?

היינט אינדערפרי האָט זיך מיר דאָס געטראָפן.
איך בין נאָך געלעגן אין בעט און געשלאָפן.
דערפיל איך, ווי עמיצער גיט מיר א גלעט.
גיב איך א פרעג: ווער איז בא מיין בעט?
ששש... קיינער גאָר רופט זיך נישט אָן.
איך עפן די אויגן — ס׳איז קיינער נישטאָ.

און פלוצים דערהער איך א קלאפן אין פענצטער.
וויל איך א קוק טון, ווער ס׳איז עס, אָט דער אָ...
גיט ער א בלענד מיר, א בלענד אין די אויגן, —

אז גוט, וואָס איך האָב מיך ארונטערגעבויגן! —
טראכט איך: דאָס איז שוין א שטיפער א רעכטער,
גיט ער א שאָס מיט א הילכיק געלעכטער:

כא־כא כא־כא כאאאך!
כא־כא כא־כא כאאאך!
זע א פויגל אויפן דאך!
גיכער קום אהער!

ווער האָט זיך אזוי צעלאכט?
ווע־ע־ער?

נאַך א מייסעלע ווייסט זי

נאַך דער ארבעט, באנאכט,
ארום זייגער זיבן־אכט,
זיצט די מאמע, זיצט דער טאטע.

ער לייענט א בלאט, זי לייגט א לאטע.
און מאלקעלע, זייער טעכטערל, איז שוין א זאטע.
אָפגעגעסן וועטשערע, באקומט זי אייגעלעך קליינינקע.
קוקט צום בעטעלע, די שייניקע.

קוקט זי, קוקט, באלד גייט זי שלאָפן.
זי וועט נאָר הערן, וואָס סע האָט געטראָפן
מיט דער הון און מיטן האָן,
וואָס אויף זיין נאָז איז א רויטע פאָן.

און די מייסע
הייבט זיך אָן:

אמאָל געווען א הון,
אמאָל געווען א האָן.
האָט האָן געטון א קריי,
האָט הון געלייגט אן איי.

אהין א קוק,
אהער א דריי,

און — מאלקעלע שלאָפט שוין,
זעען זיי.

* * *

אָפּגעשלאָפן די גאנצע נאכט,
ווידער אייגעלעך אויפגעמאכט.

אויפגעשטאנען — געוואשן, געטרונקען.
אייגעלעך לאכן, אייגעלעך ווינקען...

— מאמע, מאמעניו,
נאָך א מייסעלע איך שוין ווייס:

געווען א האָן,
געווען א הון
און נישט געוווּסט
וואָס צו טון.

האָן געטון א קריי.
הון געלייגט אַן איי.

האָט דער קריי
מאלקעלען אויפגעוועקט,

און מיטן איי
האָט מאַלקעלע זיך באַלעקט...

ליב די הון און ליב דעם האָן,
ווײַל זיי געבן טרינקען, עסן.
און דאָס מייסעלע
נישט פאַרגעסן.

אונדזער זומער

זו־זו... זו־זו..: זומ־ער,
איז ער, איז ער, איז ער!
איז ער מיט א זון ער,
אונדזער אונדזער זומער!

* * *

איז ער איז געווען
ערגעץ ווו פארנומען,
האָט ער זיך פארשפעטיקט —
נישט אין צייט געקומען.

האָט מען זיך געוואונדערט,
אינעם בלאט געלעזן,
אז אויף מיילן הונדערט,
ער צו גאסט געוועזן.

דאָרט אויף מיילן הונדערט —
לענדער פול מיט זונען.
איינע גאָר א שטארקע
האָט ער זיך געפונען.

און מיט איר צוזאמען
אינעם וועג געלאָזט זיך,

און ווי נאָר געקומען,
האָט ער גלייך צעלאָזט זיך...

בריען, בראָטן, ברענען
האָט ער גלייך גענומען,
ווייל ער זאָגט, אז קומען,
זאָל שוין זיין געקומען!

ליגט מען בא די טייכן,
קילט מען זיך אין גראָזן,
פופו... פופו... פאָכען,
האלט מען אין איין בלאָזן.

* * *

זו־זו... זו־זו... זומ־ער,
איז ער, איז ער, איז ער!
איז ער מיט א זון ער,
אונדזער אונדזער זומער!

פליט א טויב

פליט א טויב, א ווייסע טויב,
קוקט אין אלע זייטן —
טראָגט אין מויל, א בריוו זי טראָגט
פון די ווייטע ווייטן.

נעמט פרימאָרגן וואשט זיך אָפּ
און ער פוצט זיך אויס,
נעמט מיין מיידעלע און גייט
אויף דער גאס ארויס.

אונטן קוקט דאָס גרינע גראָז,
אויבן — הימל בלויער,
פארהייבט זי זיך דאָס קליידעלע
און זעצט זיך לעבן טויער.

קומט צו גיין א זונענשטראל,
פינקלט אין די אויגן:
מיידעלע, דו, זע נאָר זע,
וואָס סע פליט דאָרט אויבן! —

אויבן, אויבן פליט א טויב,
קוקט אין אלע זייטן —

טראָגט אין מויל, א בריוו זי טראָגט
פון די ווייטע ווייטן.

הייבט זיך אויף מיין מיידעלע,
גייט דער טויב אקעגן.
— זאָג, פאר וועמען ס׳איז דער בריוו,
גישט פאר מייגעט וועגן?

— יאָ, פאר דיר, געוויס פאר דיר,
פאר מיין טייער מיידעלע!
כ׳ווארף אים שוין אראָפּ צו דיר,
שטעל נאָר אויף דאָס קליידעלע.

הייבט זי, הייבט זי און פארהייבט זיך
אזש ביז איבער די אויגן,
און די טויב, די ווייסע טויב,
איז אוועקגעפלויגן.

רופט די מאמע, פון דער שטוב:
— טאָכטער, קום שוין עסן! —
האָט מיין מיידעלע אין בריוו
אינגאנצן שוין פארגעסן.

21.968
ק.פ. 167

שפּעטער אָבער, יעדן טאָג
קלאַפּט מען אין די שויבן:
— מיידעלע, דו, זע נאָר זע,
וואָס סע פליט דאָרט אויבן...

אויבן, אויבן פליט א טויב,
קוקט אין אלע זייטן —
טראָגט אין מויל, א בריוו זי טראָגט
פון די ווייטע ווייטן.

צו מיינע באבעס

דער יאם איז ברייט און טיף
און איך, איך זיץ באם ברעג, —
איך מאך מיר דאָ א שיף
צו פאָרן ווייט אוועק.

מיין מאמע זיצט און שפאסט,
מיין טאטע זיצט און שטיפט, —
און איך צעקנייטש פאפיר
און — פארטיק איז א שיף.

מיין באבע סאָרע פריידע
און מיין באבע כאנע,
ווינען אין גאליציע —
זייער ווייט פונדאנען.

איך בין שוין גרויס, סע פעלט מיר
יאָרן צוויי צו צען,

און כ'האָב נאָך מיינע באבעס
קיינמאָל נישט געזען.

דער יאם איז ברייט און טיף
און איך, איך זיץ באם ברעג, —
איך זעץ מיך אין מיין שיף
און פאָר מיר גלייך אוועק.

די באָן

גייט א באַן,
פאָרט א באַן, —
איז אוועקגעפלויגן —
וואָסער רויך
אינדערהויך
האָט זיך דאָרט געצויגן?

רעדט די באַן,
פייפט די באַן,
הערט נישט אויף צו סאָפּען!
איילט אוועק
מיט א שרעק —
ס'זאָל זי ווער נישט כאַפּן.

פופו-פא!
פופו-פא! —
רעדט זי נאָר אין גראַמען —
מיין מאַמאַ,
מיין פּאַפּאַ
קען די שפּראַך פון באַנען.

מיטן טאָג גלייך

שטייט ער,
שטייט ער,
שטייט ער
מיטן טאָג גלייך אויף,
זעט ער,
זעט א
לייטער
שטייט בא אים אין הויף.
— זע נאָר, זע נאָר! — גיט ער א קלער און א טראַכט —
ווי האָט זיך גענומען צו אים א לייטער איבער נאַכט?
און ווידער האָט ער געטראַכט און געקלערט:
א לייטער ביז צום הימל? — ער האָט נאָך אַזוינס נישט געהערט.
נאָר אינדעם דערזעט ער די זון,
פאַלט אים איין: אהא! עפּשער נעמט זיך עס דערפון?
עפּשער האָט די זון פון אירע שטראַלן א לייטער געמאַכט — א לייטער פון הימל ביז צו דער ערד?
יאָ! אַזוינס האָט ער שוין געהערט.
גייט ער,
גייט ער,
גייט ער

ווען די זון גייט אויף, —
אויף דער
לייטער
גייט ער,
ביז צום שפּיץ ארויף.

קומט ער ארויף אויבן, ביז צו דער זון,
דערזעט ער, אז יאָ, סע נעמט זיך טאקע דערפון.
האָט ער א כאַפּ געטון א הויפן שטראַלן און זיי
צעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט —
אומעטום אזוינע לייטערס אויפגעשטעלט.
דערנאָך האָט ער א נעם געטון די זון אינגאַנצן,
און מיט איר אראָפּ אויף דער ערד צו די זאַנגען,
צו די פלאַנצן.
האָבן די זאַנגען באַקומען א גילדענע הויט
און צייטיקע קערנער — פאר די מענטשן ברויט.

* * *

גרייט ער,
גרייט ער,
גרייט ער
מיט דער גרעסטער מי, —
ברויט פאר
מענטשן
גרייט ער
גאַנצן אינדערפרי.

און ווען דאָס ברויט איז שוין געווען גוט צום עסן,
האָט ער אין קיינעם נישט פארגעסן...
איינגעטיילט פאר אלע גרויסע, אלע קינדער.
און נאָכן עסן, נאָכן רוען, ערשט אצינדער,
האָט ער אויסגערופן, אז ווער סע וויל, קען מיטגיין מיט אים — איצטערט גייט ער —
שפילן זיך מיט די שטראלן, קריכן אויף דער לייטער.
האָט איין מיידעלע געפרעגט, וויאזוי דאָס אלץ איז געשען.
האָט ער איר געענטפערט, אז זי זאָל אויפשטיין גאנצפרי, מיטן טאָג גלייך, וועט זי שוין זען.

* * *

שטייט זי,
שטייט זי,
שטייט זי
מיטן טאָג גלייך אויף,
זעט זי,
זעט די
לייטער
שטייט בא איר אין הויף.

לצדינג

אלצדינג

— מאלקעלע, מיין מיידעלע,
זאָג, וואָס ווילסטו פרעגן ?

— טאטעלע, מיין טאטעלע,
צי אלצדינג וועל איך מעגן !

* * *

— מאלקעלע, מיין מיידעלע,
כ'שטער דיר קיינמאָל גאָרנישט.

— טאטעלע, מיין טאטעלע,
זאָג נאָר נישט „מע טאָר נישט".

— מאלקעלע, מיין מיידעלע,
ווסטו ווערן בעסער ?

— טאטעלע, דו לאָז מיך נאָר
זיך שפּילן מיטן מעסער.

— מאלקעלע, מיין מיידעלע,
דו וועסט זיך דאָך צעשניידן !

— טאַטעלע, נו, זעסטו שוין,
קאָנסט ווידער שוין גישט ליידן.

— מאַלקעלע, מיין מיידעלע,
ביסט מיר זייער טייער!

— טאַטעלע, טאָ לאָז זשע מיך
זיך שפּילן מיטן פייער!

— מאַלקעלע, מיין מיידעלע,
דו וועסט זיך דאָך אָפּבריען!

— טאַטעלע, איך וויל דאָך זען,
ווי די פונקען פליען!

* * *

— מאַלקעלע, מיין מיידעלע,
וואָס נאָך האָסטו צו פרעגן?

— טאַטעלע, מיין טאַטעלע,
צי אַלצדינג וועל איך מעגן!

דאָרטן שטייט א בארג

דאָרטן שטייט א בארג
און בא דעם בארג — א טאָל,
עמעץ האָט דערציילט
א מייסע פון אמאָל.

פונעם טיפן טאָל
געקלעטערט בארג־ארויף,
האָט א יינגעלע,
ביז אויפן שפּיץ ארויף.

נאָר באם שפּיץ א וואקל
און צום טאָל א בליק...
איז דאָס יינגעלע
אראָפּגעפאלן צוריק.

* * *

דאָרטן שטייט א בארג
און אויפן בארג — א בוים,
און אונטן בא דעם בארג —
א יאם מיט ווייסע שוים.

דאָרטן אויפֿן בוים
דערלאַנגט מען צו דער זון.
האָט א יינגעלע
א טראכט געטון דערפֿון.

איז דאָס יינגעלע
ארויף ביז אויפֿן בוים,
כאָטש ס'האָט געשראָקן אים
דער יאָם מיט ווייסער שוים.

דעם שאָכנס הונט

ריווקעלע פלעגט אַלעמאָל וועלן מיטגיין מיט דער מאַמען.

גיין ערגעץ צו גאַסט, אָדער עפּעס קויפן — ריווקעלע וויל מיטגיין.

איז איינמאָל, ווען די מאַמע האָט זי מיטגענומען און פאַרטון געווען אין קויפן, האָט ריווקעלע זיך אוועקגעדרייט און גענומען שפּילן מיט א באַל.

א וואָרף אויף דרערד, א לויף כאַפּן.
געכאַפּט און ווידער א וואָרף.
געלאָפן און ווידער געכאַפּט.
זיך פאַרדרייט אין א צווייטער גאַס אַריין.

זיך געשפּילט און זיך אָנגעשפּילט, גיט זי זיך א כאַפּ:
— ווו בין איך?
ווו איז די מאַמע?
ווו איז די היים?

זי האָט זיך שיר נישט געוואָלט צעוויינען. גיט זי זיך א קוק אום — סע דרייט זיך אַרום איר א הונט,

א באקאנטער, דעם שאָכנס הונט.
נישט איינמאָל האָט זי אים עסן געגעבן. נעמט זי אים בעטן:
— הונט, הינטל,
פיר מיך אהיים!

קוקט ער זי אָן מיט די אויגן און רעדט נישט קיין וואָרט.
ווערט זי בייז און ווארפט אים די באַל.
ווערט ער ברויגעז און לויפט אוועק.
לויפט זי אים נאָך, אים איבערבעטן.
ער אנטלויפט און זי לויפט אים נאָך.

לויפן, לויפן, לויפן,
ביז אויף זייער גאס,
ביז אין זייערע הויפן.

שאבעס באטאָג

שאבעס באטאָג,
מאכט מען די קינדערלעך א צוואָג.

אָפּגעצוואָגן, אָפּגעוואשן,
גייט מען צו גאסט — שמועסן, נאשן.

אמאָל גייט דער צו יענעם.
אמאָל גייט יענער צו דעם.
גייט מען, קומט מען,
גוטע קינדער נעמט מען מיט.
זיצן שטילע
און זיי ווארטן ביז מע גיט. —

נעמען אליין,
איז נישט אזוי שיין.

* * *

זיצן די גרויסע,
זיצן די קליינע.
די גרויסע שמועסן, לאכן —
ווער ווייסט דאָרט זייערע זאכן!

זיצן די קליינע באזונדער,
דערציילן זיך וואונדער בא וואונדער.

איינס דערציילט, וואָס סע האָט געהערט פון טאַטע־מאַמע.
און אַנדערס דערציילט, וואָס סע האָט געהערט פון שוועסטער און ברודער.
פּלוצלונג נעמען דערציילן אַלע מיטאַמאָל, ווערט אַ גרויס גערודער.

מישן זיך אַריין די גרויסע:
— קינדער, נישט אַלע אינאיינעם,
הערט אויס בעסער איינעם!

שרייען די קינדער: גערעכט!
אַלע צוזאַמען איז שלעכט!

קוקן זיי אַהין, אַהער,
און ווייזן אָן אויף אַ יינגל דאָרט,
ער זאָל אויפשטיין פונעם אָרט.

און רופן אויס ווי אָפּגערעדט:
— זאָל דערציילן ער,
וועגן וואָס און ווער...

* * *

שטעלט זיך אויף דאָס יינגל,
נאָר ווי אָפּגענומען איז זיין צינגל.

ער ווייסט נישט ווער
און ווייסט נישט וואָס.
ער ווייסט נישט יענץ
און ווייסט נישט דאָס.

נעמט ער רייבן זיך די נאָז,
און די בעקלעך זיינע גלאַנצן,
נעמט ער שרייען:
— קינדער, טאַנצן!

גייט אוועק
א שפּיל, א טאַנץ.
און די מייסע
איז שוין גאַנץ.

באַרימערס

אין א ווינקל אין הויף זענען זיך געשטאַנען עטלעכע הינער און אַזוי גערעדט צווישן זיך.

איינע האָט דערציילט וואָספאַרא נייעס זי האָט געהערט אין גאַס.
א צווייטע — וואָס זי האָט געלייענט אין בלאַט.
און א דריטע און א פערטע — וואָס זיי האָבן אַליין צוגעטראַכט.

אַזוי זענען זיי געשטאַנען און געשמועסט און גערעדט, און אינמיטן דערינען האָבן זיי דערזען א האָן אויפן פּלויט.

— קוקעריקערו! —
האָט אויסגעקרייט דער האָן —
וואָסי?
קיינער איז נישטאָ?

האָט איין הון זיך גענומען באַרימען, אַז דאָס האָט ער זי געמיינט. דאָס האָט ער איר אַזאַ „גוטמאָרגן" געזאָגט.

האָט א צווייטע זיך אָנגערופן, אז ניין — דאָס האָט ער גאָר זי געמיינט.
האָט א דריטע א מאך געטון, אז נישט קיינעם, נאָר זי.

דערווייל האָט דער האָן א צעפּאָכע געטון די פליגל און געטון א פּלי.

האָבן זיך אלע הינער דערשראָקן און זענען זיך צעלאָפן.

דאָס איז אלץ, וואָס האָט געטראָפן.

דאָס איז אליין א מייסעלע

איז ער געזעסן אויפן הויף, פאר זיין טיר בא א טישל און געשריבן — ער איז געווען א שרייבער.
ער האָט זיך צוגעקוקט וויאזוי מענטשן פירן זיך אויף:
צי לעבן זיי זיך גוט, צי האָבן זיי זיך ליב.
זיך צוגעקוקט און באשריבן.
אויפגעשריבן, איבערגעקוקט, געגעבן אָפדרוקן.
זאָל מען לייענען.

איז ער געזעסן, דער שרייבער און געשריבן.
איז צו זיין טישל צוגעקומען א מיידעלע און געדרייט א פינגערל אין מויל:
— איר... איר שרייבט א מייסעלע?
האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן פון פאפיר און צון איר געשמייכלט:
— יאָ, איך שרייב א מייסעלע.
האָט זי אויפגעשיינט — טויזנט ביינען.
וואָס קען זי מיינען?
זי האָט מיט די אייגעלעך געטון א גלאנץ.
דאָס קליידעלע א פארצי געטון אויף צו גיין א טאנץ.
און מיט די פיסעלעך א שפרינג אונטער,
און מיטן קעלעכל א זינג אונטער:
— שרייבט א מייסעלע פון מיר! פון מיר...

האָט ער אריינגעשטעלט די פעדער אין טינטער,
און גענומען מיט איר איינטיינען:
— גוט, איכל שרייבן א מייסעלע פון דיר, נאָר
העלף מיר צו אביסל.
— ניין... —
האָט זי א זאָג געטון מיט כיין,
און זיך געדרויטלט — ניין...
איר קענט אליין.
האָט ער איר געענטפערט:
— זייער שיין!
אָבער איך וויל, אז דו זאָלסט מיר צוהעלפן.
אנו, מיידעלע, וויאזוי זאָל איך אָנהייבן?
האָט דאָס מיידעלע א לאַך געטון,
און מיטן פינגערל צום שטערנדל א מאך געטון,
און מיטן קעפּעלע א טראכט געטון,
און אָנגעהויבן:

א־אמאָל... אמאָל איז געווען א מיידעלע.
דאָס מיידעלע האָט געהייסן ייטעלע.
ייטעלע האָט געהאט א כאוורטע.
די כאוורטע האָט געהייסן מאלקעלע.
מאלקעלע איז געווען א כאפּער.
וואָס זי האָט געזען, האָט זי געכאפּט.
איז מאלקעלע געווען א כאפּערן.

איז ייטעלע געווען א קלאפּערן.
מאַלקעלע האָט געכאַפּט.
ייטעלע האָט געקלאַפּט.

האָט מאַלקעלעס טאַטע געזאָגט צו מאַלקעלען,
אַז זי זאָל נישט כאַפּן.
און ייטעלען האָט ער געזאָגט,
אַז זי זאָל נישט קלאַפּן.
האָט מאַלקעלע געפאָלגט.
האָט ייטעלע געפאָלגט.
האָט מאַלקעלע זיך געשפּילט און געלאַכט.
האָט ייטעלע זיך געשפּילט און —

דאָס מיידעלע איז געבליבן שטיין פאַרטראַכט.
דאָס מיידעלע האָט מער נישט דערציילט.
זי האָט נאָר דערנאָך א זאָג געטון, פאַרקלערט,
אַז דאָס איז זי טאַקע אליין די ייטעלע, און צי ער וועט
שרייבן פון דעם א מייסעלע.
האָט ער איר געענטפערט מיט א שמייכל,
מיט א לאַך,
אַז ער וועט פון דעם שרייבן מייסעלעך אסאך
און — דאָס איז אליין
א מייסעלע שיין.

דער טראַ־טראַ

— טראַ־טראַ! טראַ־טראַ! —
שפּאַנט דער פייגל, זינגט זיך צו,
— טראַ־טראַ! — זינגט ער, שרייט ער,
עפּעס האָט ער נישט קיין רו.

פייגל האָבן אויף די צווייגן
זיך געהוידעט און געשפּילט,
האָט אַ יעגער זיך געיאָוועט
און געשטעלט זיך און געצילט.

— טראַ! — שרייט דער טראַ־טראַ,
זעגען פייגל אויס די צייט,
— טראַ... — לאַכט דער טראַ־טראַ
פון עם יעגער פונדערווייט.

דער בוים אין הויף

שטייט א בוים בא אונדז אין הויף,
נאקעט זיינע צווייגן, —
קוק איך צו דעם בוים ארויף,
זע איך־צו זיין שווייגן.

גיי איך אויף דער גאס ארויס,
הוליען־אום די ווינטן, —
דריי איך נאָר דאָס פּאָנעם אויס,
גייט ־ער בוים פון הינטן.

קום איך אין דער שול צו גיין,
איז אין קלאס גאָר טונקל, —
וויל איך פרעגן: וואָס געשעז,
שטייט דער בוים אין ווינקל.

גיי איך פון דער שול געשווינדט —
קאלט דער רעגן, טרייבט ער, —

גייט דער בוים מיר נאָך פוסטריט
און מיט מיר פארבלייבט ער.

שטייט דער בוים בא אונדז אין הויף,
נאקעט זיינע צווייגן, —
קוק איך צו דעם בוים ארויף,
זע איך־צו זיין שווייגן.

אַלע דריי

דריי הינער זענען צו צון אַ שיסעלע מיט קערנער. זיי זענען צו און אַרייַנגעשטופּט די קעפּ אין שיסעלע און — פּיק.
אַזויווי אָבער יעדע האָט דערפילט לעבן זיך נאָך פּיקערס, האָט יעדע זיך צעקאָדקאָדאַקעט:

קאָפּ־קאָפּ־קאָפּ צו דיין קאָפּ!
— וואָס ווילסטו פון מיין קאָפּ?
— נאַדיר קריק אין דיין קאָפּ!

איינע די אַנדערע — אַ ריס,
אַ ביס,
אַ דזשיב,
אַ שטופּ.

מיטאַמאָל האָט איינע אָוועקגעביסן די אַנדערע צוויי — זיי זאָלן שטיין און קוקן, האָט זי געזאָגט, ווי זי פּיקט געשיקט.
איז אַ צווייטע צו צון איר און איר אַ דזשיב געטון אין קאָפּ און אַליין גענומען כאַפּן, אַז זי האָט זיך שיר נישט דערוואָרגן און דערשטיקט.
איז צו די דריטע און אָוועקגעטריבן די צווייטע

און אזוי געגומען כאפן די קערנער אין מויל אריין, אז דאָס שיסעלע האָט זיך אזש איבערגעקערט.

איז ווידער צו אן אנדערע און א ביס געטון דער דריטער און — ס'איז ווידער דאָסזעלבע געשען — אזוי לאנג ס'איז נאָך קערנער געווען.

דערנאָך זענען זיי געבליבן שטיין אָנגעבלאָזן און שטיל געקאָדקאָדאקעט:

— קאָ־קאָ קאָ־קאָ קאָפּ,
נאדיר א גאלאָפּ!

— נישט געגעסן, נאָר געכאפּט,
און צעביסן זיך, צעקלאפּט.

— אָ, נאדיר א געשלעג,
סע זאָל נאָר אויסגיין צו געכטיקע טעג!

עק, מעק, שטרויענע זעק

עק איז געוועזן דער עלטסטער.
מעק איז געוועזן דער יינגסטער.
עק איז געוועזן דער פוילסטער.
מעק איז געוועזן דער פלינקסטער.

האָט עק נישט געוווּסט די צייט ווו אהינצוטון.
און מעק האָט נישט געוווּסט וועלעכס פריער צו טון.

איז עק געזעסן און געקלערט.
און מעק האָט א וועלט איבערגעקערט.

איז עק אזוי געזעסן און געקלערט, ביז ער איז אנטשלאָפן געוואָרן.
האָט זיך אים געכאָלעמט, אז זיין ברודער מעק איז פונקט פאר זיינעטוועגן געבוירן געוואָרן:
אזיווי סע פירט זיך פון לאנג, אז איינער ארבעט פארן צווייטן,
וועט זיין ברודער ארבעטן און ער וועט קומען צום גרייטן.

און באלד האָט זיך אים געכאַלעמט, אַז זיין
ברודער האָט שוין אָנגעזאמלט האָניק גאנצע זעק...
האָט ער זיך געטון א כאַפּ־אויף מיט דער צונג
אינדרויסן, גרייט צו טון א לעק.

און באלד און אינדערגיך,
וועט ער צונעמען די גאנצע זעק פאר זיך.

האָט זיך אָבער מעק געטון א קער און א ווענד,
און האָט אים א האק געטון איבער די הענט:

— הער נאַר, דו,
גרויסער הער עק!
אז מע ארבעט נישט,
קריגט מען נישט קיין לעק!

האָסט דאָך נישט אויפגעהויבן
אפילע קיין שטרוי,

דאַרף מען דיר טון
אַזוי און אַזוי! ...

און ער האָט אים געטון אַ יאָג אַוועק,
ביז אין יענעם עק.

און יעדער איז אים נאָכגעלאָפן
און יעדער האָט אים נאָכגעשריגן:

— עק,
מעק,
שטרויענע זעק! ... —
ביז אין יענעם עק.

ב ר ו י ט

א קינד האָט געבעטן די מאמען ברויט, האָט די מאמע אים געשיקט צום בעקער נאָך ברויט.

איז געגאַן דאָס קינד צום בעקער נאָך ברויט, האָט דער בעקער אים געשיקט צום מילנער נאָך מעל.

איז געגאַן דאָס קינד צום מילנער נאָך מעל, האָט דער מילנער אים געשיקט צום פויער נאָך קערנער.

איז געגאַן דאָס קינד צום פויער נאָך קערנער, האָט דער פויער אים געשיקט צום פעלד נאָך זאַנגען.

איז געגאַן דאָס קינד צום פעלד נאָך זאַנגען, האָט דאָס פעלד אים געשיקט צום רעגן נאָך א טרונק.

איז געגאַן דאָס קינד צום רעגן נאָך א טרונק, האָט דער רעגן אים געשיקט — צוריק צו דער מאמען...

* * *

דער רעגן האָט דערהערט און איז געקומען צום פעלד.

האָט דאָס פעלד זיך אָנגעטרונקען און סע איז דערויף אויסגעוואקסן זאַנגען.

האָט דער פּויער גענומען די זאַנגען און אויסגע־דראָשן פון זיי די קערנער.

האָט דער מילנער גענומען די קערנער און זיי צעמאָלן אויף מעל.

האָט דער בעקער גענומען דאָס מעל און דערפון אָפּגעבאַקן ברויט.

האָט די מאַמע שוין געהאַט ברויט פאַר איר קינד.

ציד̄על̄ע פּיד̄על̄ע

ציד̄על̄ע פּיד̄על̄ע קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן, —
אַז סע טריפט אַ רעגנדל,
פרייען זיך די פלאַנצן.

אַז סע טריפט אַ רעגנדל,
ווערן נאַס די שויבן, —
גיי איך אויף דער גאַס אַרויס,
קאַפּעט מיר פון אויבן.

גיי איך אויף דער גאַס אַרויס,
הייב איך אָן צו גלאַנצן... —
נאַס דער שטערן, נאַס די נאָז,
אויסגעוווייקט אינגאַנצן.

נאַס דער שטערן, נאַס די נאָז,
סע קאַפּעט פון די הויזן, —

צידעלע פידעלע קאַטינקע,
אך, איז דאָס א דרויסן!

צידעלע פידעלע קאַטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן, —
אז סע טריפט א רעגנדל,
גלוסט זיך מיר צו טאַנצן!

Montreal

אינהאלט

כ׳האָב א טאָכטער — 5

פון איינס ביז פיר — 9

מאלקעלע די קליינע — 11

ציג און בער — 13

לאנגע אויערן — 15

און אויצערל א גאָלד — 16

די מאמע מיטן פּארטעך — 18

גא־גא־גא און קו־קע־רו — 19

פינגער — 20

די פּיפּטע — 22

יינגעלע צינגעלע — 24

א קו אויף א דאך — 27

באָבי האָט א גראָבן קאָפּ — 28

גרילט א גריל — 31

מיין ליאלקע — 33

דאָס פּייגעלע — 34

זונענשיין — 39

ברידער פּיר — 40

מע גייט שפּאצירן — 43

בא די גרעזעלעך — 44

היינט אינדערפרי — 47

נאָך א מייסעלע ווייסט זי — 49

אונדזער זומער — 52

פּליט א טויב — 54

צו מיינע באבעס — 57
די באן — 59
מיטן טאָג גלייך — 60

א ל צ ד י נ ג — 65
דאָרטן שטייט א בארג — 67
דעם שאָכנס הונט — 69
שאבעס באטאָג — 71
בארימערס — 74
דאָס איז אליין א מייסעלע — 76
דער טעראָ־טעראָ — 79
דער בוים אין הויף — 80
אלע דריי — 82
עק, מעק, שטרויענע זעק — 84
ברויט (לויט א פאָלקסמויסע) — 87
צידעלע פידעלע — 89